"לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל לִשְׁמֹעַ לִלְמֹד וּלְלַמֵּד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת וּלְקַיֵּם"

הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

פרשת משפטים ||| שנת תשפ"ה לפ"ק ||| גליון צב

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

בך בטחתי א

טהרת המקוה ד

עבודה במחשבה ז

# בך בטחתי

## אל המקום אשר הכינותי;

די שליחות וואָס יעדער איד דאַרף ערפילן אין דעם אָרט וואו ער געפינט זיך

חובת הלבבות שער הבטחון שיעור מ', יום א' תרומה כ"ח שבט תש"פ

חלק ב

א

## להשפיע ולא לקבל; אַוועקפאָרן פאר פרנסה, בלויז ווען מ'איז משפיע אויף יענעם פלאַץ

### 'לעבדה ולשמרה' לויט'ן פשוט'ן פשט און לויט'ן מדרש

ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַ געדרוקטע פינאַנציעלע מצב, ער איז דערשטיקט מיט חובות און פאַרדרייט מיט הלוואות, רעדט אים דער יצר הרע איין, **אַז ער זאָל יעצט אַריינלייגן זיין גאַנצע כח און מח צו שטאַרק נאָכלויפן פרנסה**, ווייל וואָס הייסט? כ'בין דאך אין אַזאַ מצב און דער אויבערשטער האָט געזאָגט אַז מ'דאַרף מאַכן השתדלות...

אָבער לאָמיר נישט פאַרגעסן וואָס דער חובת הלבבות זאָגט, אַז **דער מקור וואו עס שטייט דער חיוב פון השתדלות, איז דער פסוק 'לעבדה ולשמרה'**. די פשוט'ע טייטש דערפון מיינט אַז השי"ת האָט געמאַכט אַ וועלט און ער האָט באַפוילן פאַר'ן מענטש צו באַאַרבעטן די וועלט. אויב ס'איז אַ פעלד דאַרפסטו דאָס אָנזייען; אויב ס'איז אַ בנין דאַרפסטו דאָס בויען; אויב ס'איז דאָ אַן אַנדערע געברויך פאר דער וועלט דאַרפסטו דאָס צושטעלן.

גלייכצייטיג דאַרף מען אויך געדענקן דאָס וואָס **חז"ל** זאָגן (מובא באוהח"ק בראשית ב, טו): **'לעבדה זו מצות עשה, ולשמרה זו מצות לא תעשה'**. וואָס באמת זענען די צוויי פשטים געקניפט און געבינדן, ווייל ווען אַ איד פרובירט צו דינען השי"ת אין דעם מקום וואו ער געפינט זיך; ער איז זיך מתבונן וויאַזוי ער קען דאָ ערפילן זיין שליחות בשלימות, **איז ער יעצט מקיים דעם 'לעבדה ולשמרה', סיי לויט'ן פשוט'ן פשט און סיי לויט'ן מדרש!** ווייל ער איז דאך מקיים אַלע מצוות עשה'ס וואָס מ'קען טון אויף יענעם מקום און אַלע מצות לא תעשה'ס וואָס מ'קען דאָרט מקיים זיין. ער מאַכט אַ ליכטיגע 'לעבדה ולשמרה'!

### השתדלות - נאָר ווען ס'גייט צוזאַמען מיט 'לעבדה ולשמרה'

מ'קען אַמאָל הערן ווי אַ מענטש רעדט אויפ'ן טעלעפאָן: וואו האָסטו באַקומען אַזאַ גרויסע נדבה?! יענער טיילט אַזויפיל?! גיט ער טאַקע פאר יעדן 250 דאָלער, צי געווענליך גיט ער בלויז 100 דאָלער, נאר מיט פראָטעקציע קען מען באַקומען מער?! אויב אַזוי וועמען קען איך שיקן אַז ער זאָל רעדן צו אים וועגן מיר, נאָך איידער כ'גיי אַרויף צו אים?!

דער מענטש אַרבעט אַ וואָך צייט צו אַרויסבאַקומען די פאר דאָלער פון יענעם. אָבער **ס'איז דאך אַזעלכע שטותים!** די אַלע אָנשטרענגונג האָט נישט קיין שום מינדסטע שייכות מיט דעם חיוב פון השתדלות. **ס'האָט נישט אפילו קיין משהו צוטון מיט דעם נושא פון השתדלות** און ס'העלפט קיינמאָל נישט!

ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַ געדרוקטן מצב, דאַרף ער זיך מתבונן זיין אין איין זאַך: **וויאַזוי איך קען בעסער מקיים זיין דעם 'לעבדה ולשמרה' ריכטיג ווען איך טו מיין השתדלות פאר פרנסה.**

### דער פינאַנציעלער מצב שטופט מער צו מקיים זיין די שליחות

יעצט וועט אָבער דער מענטש פרעגן: איך בין דאָך געדרוקט אין פרנסה, כ'דאַרף חתונה מאַכן אַ קינד און **איך האָב פשוט נישט!** איך צערייס זיך צו אַרבעטן אינדערפרי, נאָכמיטאָג און ביינאַכט, אָבער כ'האָב נישט דאָס געלט וואָס מ'דאַרף האָבן. וואָס קומסטו מיר יעצט זאָגן, אַז מ'דאַרף האָבן אמונה?! לאָמיר רעדן צו דיר ווען דו וועסט חתונה מאַכן...

איך האָב זיך שוין מחזק געווען מיט בטחון, אָבער **למעשה רופט מיר מיין מחותן פאר געלט**, כ'מוז אים צאָלן און כ'האָב שוין אפילו פרובירט הלוואות, ס'איז אָבער נישטאָ פאר די גרויסע הוצאות!

דאַרף דער איד וויסן אַז אויב דו טרעפסט זיך אין אַזאַ סאָרט מצב, איז זייער מעגליך אַז **דו דאַרפסט מוסיף זיין אין דער עבודה פון 'לעבדה ולשמרה'**, ווייל דו קענסט מסתם מער משפיע זיין פאַר דער תכלית פון דער וועלט.

וועלכע תכלית קענסטו משפיע זיין פאַר דער וועלט?! **דאָס ווענדט זיך יעדער איינער לויט זיינע אומשטענדן.** צומאָל קען זיין אַז מ'דאַרף טאַקע נעמען אין באַטראַכט צו אַרויספאָרן קיין חוץ לארץ זאַמלען געלט פון נדיבים בעם, כדי צו קענען חתונה מאַכן די קינדער.

### דיין עצם אָנוועזנהייט איז משפיע

אַזאַ מהלך איז נישט אָפּגעפרעגט, ווייל דורכדעם איז מען אויך משפיע פאַר דער וועלט, ווי הרה"ח ר' **יצחק אהרן טארבילו** זצ"ל פלעגט איבערזאָגן פון צדיקים אַז די סיבה פאַרוואָס השי"ת האָט אויסגעשטעלט אַז ירושלים'ער אידן זאלן דאַרפן אַרומפאָרן שאַפן געלט, איז כדי **אַז די אידן פון חוץ לארץ זאָלן קענען זען פון דערנאָנט דאָס התנהגות פון ירושלים'ער אידן.**

דאָס הייסט אַז צומאָל ווען אַ איד פאָרט שאַפן געלט, איז ער משפיע מיט זיין עצם אָנוועזנהייט, מיט זיין שפּראַך, און מיט זיין צוגאַנג. **ער איז משפיע פאַר דער בריאה און דורכדעם איז ער ריכטיג מקיים דעם 'לעבדה ולשמרה'**. ווי מ'האָט עס טאַקע געזען ביי

צדיקים, אַז אַסאַך מאָל האָבן זיי זיך געדאַרפט דרייען אויף אַנדערע פּלעצער, ווייל השי"ת האָט געוואָלט אַז מענטשן זאלן זען וואָס הייסט אַן ערליכער איד.

### יעדער האָט זיך זיין באַזונדערע מהלך

געוויס דאַרף מען אַלעמאָל געדענקן אַז דער כלל איז ריכטיג ביי געוויסע מענטשן, אָבער **ס'קען פּונקט אַזוי זיין אַז פאַר אַנדערע מענטשן איז דאָס נישט ריכטיג** און זיי קענען דאָס נישט נאָכמאַכן.

דאָס איז פּונקט ווי ביי אַלע אַנדערע סאָרט תחומים פון השתדלות, וואו יעדער האָט זיך זיין מהלך, און קיינער קען נישט נאָכמאַכן דעם צווייטן. איינער מאַכט געלט פון אַ געוויסע זאַך, און אַנדערע, וואָס מאַכן אים נאָך, זעצן אָן. דאָס זעלבע קען זיין אַז **איין מענטש האָט טאַקע געדאַרפט אַרויספאָרן מעבר לים שאַפן געלט**, ווייל אַזוי האָט דער רבוש"ע געוואָלט, כדי אַז ער זאָל דאָרט משפּיע זיין, אָבער **אַ צווייטער דאַרף נישט גיין.**

אַ מענטש קען אַמאָל זאָגן: "אָהָ, יענער איז צוריקגעקומען מיט אַזויפיל געלט, איך גיי אים נאָכמאַכן און אויך אַהינפאָרן צו אַהיימקומען מיט אַזאַ סומע". **דאָס איז אָבער אַ טעות**, ווייל יענער איז געגאַנגען צוליב אַן אַנדערע סיבה. **יענער איז געגאַנגען צו 'משפּיע זיין', אָבער דו גייסט כדי צו 'מקבל זיין'.** טאָמער מ'גייט 'משפּיע זיין' איז דאָס אויסגעהאַלטן, אָבער אויב גייט מען 'מקבל זיין' איז עס נישט ריכטיג. **פונדרויסן קוקט עס טאַקע אויס ווי די זעלבע זאַך, אָבער ס'האָט נישט קיין שום שייכות** און מ'קען נישט נאָכמאַכן איינער דעם אַנדערן.

מ'דאַרף געדענקן אַז ס'איז בלויז דאָ איין סיבה פאַרוואָס מ'זאָל פאָרן צו אַן אַנדערע פּלאַץ: **נאָר כדי צו משפּיע זיין.** ס'איז נישטאָ נאָך קיין אַנדערע אָפּציע בכלל!

### באַטראַכטן דעם נדבן ווי אַ פּאָסט טרעגער

הרה"ק רבי **שלמה חיים מקוידינוב** זצ"ל איז אַמאָל געווען אין אַן מצב דחוק, האָט ער געפרעגט פון זיין פעטער, הרה"ק רבי **נח לעכוויטשער** זצ"ל צי ער זאָל אַרומפאָרן נאָך געלט אין די שטעטלעך.

האָט אים רבי נח געזאָגט: דו קענסט גיין, בלויז טאָמער דו קענסט פּועל'ן ביי זיך אַז אויב דו וועסט בעטן פון איינעם געלט און יענער וועט דיר נישט ווענלן געבן קיין פּרוטה, **וועסטו נישט האָבן קיין שום תרעומות אויף יענעם.** ס'וועט זיין אין דיינע אויגן כאילו דו ביסט געגאַנגען צו דער פּאָסט סטאַנציע, זען אויב ס'איז אָנגעקומען אַ בריוו פאַר דיר און **פּונקט ווי קיינער האָט נישט קיין טענות אויף דעם פּאָסט טרעגער פאַרוואָס ער האָט נישט געבראַכט קיין בריוו.** אויב דו קענסט אַזוי אָנקוקן די זאַך, דעמאָלט קענסטו גיין, אָבער אויב דו שפּירסט אַז דו האַלטסט נאָכנישט ביי דער מדריגה, דעמאָלט גיי נישט נאָך געלט.

### מ'גייט קיינמאָל נישט 'מקבל' זיין

דאָס איז דאָך אַזאַ מורא'דיגע דערהער: **מען גייט קיינמאָל נישט 'מקבל' זיין. מען גייט בלויז 'משפּיע' זיין.** און אויב דער מענטש שפּירט עס נאָכנישט, זאָל ער אָנהויבן אַרבעטן דערויף, צו מרגיש זיין דעם געפיל אַז **טאָמער דער רבוש"ע האָט מיך דאָ געשיקט מוז זיין אַז עפּעס דאַרף איך דאָ אויפטון**, לאָמיר זען וואָס כ'קען דאָ משפּיע זיין.

אָבער דער כלל בלייבט אַלעמאָל אמת און קראַנט, ביי יעדן סאָרט מענטש אין יעדן סאָרט מצב, אַז **ס'איז נישטאָ אַזאַ באַגריף ווי גיין צו אַ צווייטע פּלאַץ כדי צו 'נעמען', מען גייט אַלעמאָל בלויז צו 'געבן'.** און אויב דו שפּירסט אַז דו קענסט דאָרט גאָרנישט משפּיע זיין, האָסטו טאַקע נישט פאַרוואָס אַהינצוגיין, ווייל כדי צו 'מקבל' זיין שפּע איז נישט קיין חילוק וואו מען געפינט זיך.

ב

## חזקה על שליח; זיין צופרידן און געדענקן אַז מ'איז אויף אַ שליחות מיסיע

### יעקב איז נישט אַנטלאָפן

ס'איז דאָ אַ הייליג וואָרט אין ספה"ק **שפת אמת**, וואָס איז אַזוי טיף און אמת און מ'קען דאָס אַלעמאָל נוצן אין לעבן. דער שפת אמת ברענגט אין פּרשת ויצא (תרס"א): וואָס דער מדרש זאָגט (משלי ג, כג): **אָז תֵּלֵךְ לָבֶטַח - זה יעקב דכתיב וַיֵּצֵא יַעֲקֹב.**

איז דער שפת אמת מסביר, אַז ווען יעקב איז געגאַנגען קיין חרן האָט ער דאָך געהאַט אַ חשש אַז עשו גייט אים אומברענגען. און אפילו זיין מאַמע רבקה האָט אים געזאָגט: **קוּם בְּרַח לְךָ**. אָבער ביי יעקב אבינו שטייט נאר '**ויצא** יעקב' און '**וילך** חרנה', נישט קיין לשון פון 'בריחה'. יעקב איז נישט אַוועקגעלאָפן: **'כי הבוטח בה' באמת, מבין כי מה' מצעדי גבר, ולא יתלה הדבר במקרה'.**

### געגאַנגען קיין חרן ווייל ער האָט דאָרט עפּעס אַ שליחות

דער שפת אמת זאָגט אַז דאָס איז געווען די בחינה פון יעקב וואָס איז געווען אַן 'איש תם' - דאָס לשון תם מיינט ווי **רש"י** זאָגט אויפ'ן פּסוק 'תמים תהיה' אַז ער האָט אַלעס מקבל געווען בתמימות.

יעקב אבינו האָט געוואוסט קלאָר אַז **אויב דער רבוש"ע וויל אַז כ'זאָל גיין קיין חרן, דאַרף איך זיכער דאָרט עפּעס אויפטון, און דאָס איז געווען די איינציגע סיבה פאַרוואָס ער איז אַהינגעגאַנגען.** ער איז נישט אַוועקגעלאָפן פון עשו, ווייל אויב לויפט מען, איז פּשט דערפון, אַז דאָ אויף מיין יעצטיגע פּלאַץ האָב איך נישט די זיכערהייט וואָס כ'גיי האָבן אין יענעם פּלאַץ, ווייל בלויז דאָרט וועל איך זיך קענען באַשיצן פון עשו. פּונקט ווי ביי פּרנסה איז גאָרנישט תלוי אין דעם פּלאַץ אָדער אין יענעם פּלאַץ, נאר **מ'דאַרף גיין צו אַן אַנדערע פּלאַץ נאָר ווייל דער רבוש"ע שיקט אַהין דעם מענטש**, ממלא צו זיין די שליחות דאָרט.

דער בליק פון יעקב אבינו איז געווען: דו זאָגסט מיר אַז עשו וויל מיך הרג'ענען, אויב אַזוי **וואָס פאַרשטייט מען דערפון?** אַז כ'דאַרף גיין צו אַן אַנדערע פּלאַץ? **בסדר, קען מען דאָך אויך גיין רואיג, פאַרוואָס דאַרף מען לויפן?!** ויצא יעקב! איך האָב דאָרט אַן אַרבעט אין עבודת ה'.

### מקיים זיין דעם שליחות מיט שמחה און רואיגקייט

דאָ ליגט אַ געוואַלדיגע לימוד: ווען אַ מענטש איז געדרוקט און צוליב דעם גייט ער אויף אַן אַנדערע פּלאַץ לצורך פּרנסה, מיינט דאָס אַז דער רבוש"ע האָט אים געשטופּט און געשטופּט ביז ער איז אַהינגעגאַנגען, אָבער **יעצט, נאָכדעם וואָס דו ביסט שוין אַהינגעגאַנגען, טו עס מיט אַ רואיגקייט!**

דער מענטש מיינט אַז היות ער איז ממש געצווינגען געוואָרן צו טון דעם שריט, דאַרף ער יעצט זיך באַקלאָגן און רעדן אַגאַנצן צייט מיט אַזאַ קרעכץ אַז באמת וואָלט ער נישט געוואָלט דאָ זיין און ער גלייכט עס נישט. ניין, ניין! דאָס וואָס מ'האָט דיך געשטופּט דערצו פון הימל איז נאָר געווען איידער דו ביסט געגאַנגען. **אָבער אין דער מינוט וואָס דו גייסט שוין למעשה, טו דאָס מיט אַ שמחה!** דו גייסט יעצט מקיים זיין דעם שליחות וואָס מ'האָט דיך געשיקט פון הימל!

### דער סימן צו וויסן אויב די נסיעה איז אַ חלק פון דער שליחות

ס'איז אָנגענומען ביי מענטשן צו נוצן דער באַגריף אַז "מען דאַרף מאַכן השתדלות לויט'ן דרך העולם". דאָס הייסט אַז ווילאַנג ס'איז אַ נאָרמאַלער סאָרט השתדלות בדרך העולם, גייט דאָס אַריין אין דעם גדר פון השתדלות וואָס מ'דאַרף טון.

דאָס צו פאַרשטיין בעסער: דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט פאר יעדן מענטש אַ געוויסע שליחות אויף דער וועלט, און **דער וועג וויאַזוי מ'קען זיך מעסטן אויב די ספּעציפישע זאַך איז טאַקע מיין שליחות, איז צו קוקן אויב די פּעולה גייט אַריין אין דעם געוועגליכן דרך העולם פון השתדלות.**

### אַז ס'איז 'דרך העולם' צו פאָרן, איז עס דיין שליחות

דאָס איז דער מעסטער וויאַזוי מ'קען וויסן וואָס

**אותיות מחכימות** — שפת אמת ויצא תרס"א

וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה. בַּמִּדְרָשׁ אָז תֵּלֵךְ לָבֶטַח, כִּי בֶּאֱמֶת בָּרַח יַעֲקֹב מִפְּנֵי עֵשָׂו. אַף עַל פִּי כֵן כְּתִיב וַיֵּצֵא, וַיֵּלֶךְ, לֹא בִּלְשׁוֹן בְּרִיחָה, כִּי הַבּוֹטֵחַ בַּה' בֶּאֱמֶת מֵבִין כִּי מֵה' מִצְעֲדֵי גֶבֶר, וְלֹא יִתְלֶה הַדָּבָר בְּמִקְרֶה.

זֶהוּ בְּחִינַת יַעֲקֹב אִישׁ תָּם, כְּמוֹ שֶׁכָּתַב רש"י בַּפָּסוּק תָּמִים תִּהְיֶה, קַבֵּל הַכֹּל בִּתְמִימוּת, וְלֹא נִשְׁתַּנָּה כְּלָל עַל יְדֵי בְּרִיחָה זוֹ.

דער אויבערשטער וויל פון דיר; ווען מ'זעט צי דער רבוש"ע האָט דיך אַריינגעשטעלט אין אַזאַ מצב וואו ס'איז אָנגענומען צו טון די סאָרט השתדלות.

צום ביישפּיל, דער מענטש אַרבעט אויף אַ געוויסע פּלאַץ, וואָס לצורך די סאָרט ארבעט דאַרף מען יעדע שטיקל צייט אַוועקפאָרן צו אַ ווייטע מדינה. ער פרעגט זיך נאָך אויב דאָס איז דער געווענליכער שטייגער, און ווען מ'זאָגט אים אַז אין דער היינטיגער וועלט איז דאָס אַ חלק פון דעם אָנגענומענעם מהלך אין פּרנסה. **פאַרשטייט דער איד אַז דאָס איז יעצט די שליחות וואָס השי"ת וויל פון אים האָבן**. מ'האָט אים מרמז געווען פון הימל אַז דאָס איז זיין תפקיד, היות ער דאַרף עפּעס אויפטון דאָרט אין דעם ווייטן מקום.

## היינט פאָרט זיך גרינגער, ווייל מ'דאַרף אַסאַך משפּיע זיין

מ'קען טאַקע זען אַז דער רבוש"ע האָט אויסגעשטעלט דעם גאַנצן מציאות היינטיגע צייטן אַז **מ'קען פליען איבער דער גאַנצער וועלט**, און יעדן טאָג זענען 'שיירות מצויות' מיט אומצאָליגע אידן וואָס פאָרן אויף אַלע סאָרט מקומות אין דער וועלט, ווייל דער אויבערשטער וויל אַז אידן זאָלן קענען מקיים זיין זייער שליחות אויפ'ן ריכטיגן פּלאַץ.

ווען ס'וואָלט געווען ווי פאַרצייטנס אַז ס'געדויערט צוויי וואָכן אָנצוקומען אַהין מיט אַ שיף, און נאָכדעם געדויערט נאָך צוויי וואָכן זיך צו אָפּכאַפּן פון דער לאַנגער רייזע, **וואָלט מען דאָך בכלל נישט געטראַכט פון פאָרן אַזוי ווייט**, און מענטשן וואָלטן נישט מתקן געווען די שליחות וואָס זיי דאַרפן אויפטון.

דער רבוש"ע האָט דעריבער געטוישט דעם מהלך החיים. ער האָט געמאַכט ס'זאָל זיין אַסאַך גרינגער, און נישט אַזוי שווער ווי אַמאָל, **פאַרשטייט דער מענטש אַז דאָס איז וואָס איך דאַרף יעצט טון**. דאָס וויל השי"ת האָבן פון מיר.

## באַטראַכט אויב ס'איז אַן אָנגענומענע השתדלות סטאַנדאַרט

נאָכדעם וואָס דער מענטש האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי ערליכע אידן וואָס האָבן געלערנט 'שער הבטחון', און ס'איז אים נתברר געוואָרן אַז דאָס טאַקע די געווענליכע מהלך פון השתדלות, **דעמאָלט וועט ער פאָרן, ווייל ער ווייסט אַז יעצט בין איך אַ משפּיע און נישט קיין מקבל**. אויב איז דאָס דער דרך העולם דעמאָלט האָט עס טאַקע פּשט צו טון אַזאַ פּעולה פון השתדלות, ווייל דאָס איז אַ סימן אַז פון הימל פירט מען דיך דערצו.

אָבער אויב ס'איז נישט דער דרך העולם - זאָגט דער חובת הלבבות - איז **מסתבר אַז דער רבוש"ע האָט נישט געוואָלט אַז דו זאָלסט טון אַזעלכע אויסנאַמליכע פּעולות פון השתדלות** וואָס איז נישט לויט דעם סדר העולם.

## האַלטן פאַר די אויגן אַז כ'בין אַ משפּיע

נישט אַלעמאָל איז טאַקע לייכט פאַר'ן מענטש צו מאַכן די החלטה אויב ער דאַרף דאָרט גיין צו אַ געוויסע פּלאַץ, אָבער איין זאַך איז יאָ קלאָר אַז איינמאָל מען געפינט זיך שוין יאָ אין אַן אַנדערע מקום, דאַרף מען אַרבעטן אויף זיך צו געדענקן אַז **איך בין דאָ געקומען כדי צו 'משפּיע זיין' און נישט כדי צו 'מקבל זיין'**. אַמאָל בין איך משפּיע דורכדעם וואָס איך ווער נישט אויפגערעגט אויף אַנדערע מענטשן, און אַמאָל בין איך משפּיע מיט אַלע אַנדערע סאָרט גרעסערע און קלענערע התגברות'ן און מעשים טובים.

אַ מענטש דאַרף דאָס אַלעמאָל געדענקן אין סיי וועלכע פּלאַץ ער געפינט זיך. און דאָס איז אַקטועל אויך ווען מ'פאָרט נישט ממש צו אַ ווייטע לאַנד, נאר **ס'איז אויך נוגע ווען מ'געפינט זיך אין דעם זעלבן שטאָט און מ'זיצט אויף אַ מיטינג צו מציע זיין אַ פּראָדוקט צום פאַרקויפן**. דער כלל פון 'מה' מצעדי גבר כוננו' איז נישט נאָר נוגע ווען מ'פאָרט איבער'ן ים, ס'איז אויך רעלעוואַנט ווען מ'איז אַריינגעקומען אין אַ לאָקאַלן געשעפט כדי צו פאַרקויפן עפּעס. **אויב איך פיר זיך אויף ריכטיג אויף דעם פּלאַץ, האָב איך משפּיע געווען**, און דאָס איז די אמת'ע סיבה פאַרוואָס איך בין געקומען דאָ.

ג

# מה' מצעדי גבר כוננו; יעדע נסיעה איז מיט הימלישע חשבונות צו ערפילן דיין תפקיד

## דער רבי פאָרט צוליב דעם גבאי

דער קרעטשניפער רבי, הרה"ק רבי **הערשעלע** זצ"ל, האָט געזאָגט, אַז אַמאָל איז דאָ אַ רבי וועלכער פאָרט קיין אויסטראַליע ווייל ער דאַרף שאַפן געלט פאר זיינע מוסדות, אָבער באמת קען גאָר זיין אַז די גאַנצע תכלית פון דער נסיעה איז בכלל נישט געווען פאַר'ן רבי'ן, ס'איז נאָר געווען **ווייל איינער פון די גבאים האָט געדאַרפט דאָרט אָנקומען און דערפאַר האָט מען פון הימל אָנגעדרייט די גאַנצע נסיעה...** אַלעס האָט זיך געלוינט כדי אַז איינער פון דעם רבי'נס קבוצה זאל מיטקומען.

באמת שטייט ממש די זעלבע יסוד אין ספה"ק **אור המאיר** (פּרשת צו) וואָס ברענגט דאָס בשם דעם **בעש"ט הק'**. דער אור המאיר זאָגט דאָרט אַז ס'זענען דאָ מענטשן וואָס פארן צו ווייטע פּלעצער פאר זייער סחורה, און זיי מיינען אַז זיי גייען אַהין צו מרבה זיין זהב וכסף, צוליב דעם זענען זיי גרייט צו אַרבעטן אַזוי שווער.

אָבער באמת איז '**לא מחשבותיו יתברך מחשבותם**', דער אויבערשטער קען דיר צושטעלן אַלעס וואָס דו דאַרפסט, אַסאַך בעסער ווי דו קענסט אַליין. נאר די סיבה פאַרוואָס דער מענטש דאַרף אָנקומען דאָרט, איז צומאָל ווייל **עס ליגט דאָרט אַ שטיקל ברויט וואָס באַלאַנגט פאר זיין בחינה**, און ער דאַרף זיך מתקן זיין דורך עסן יענע ברויט, **דוקא אין יענעם פּלאַץ און אין יענע צייט**. אָדער דאַרף ער טרונקן וואַסער אויף יענעם פּלאַץ.

און דער אור המאיר לייגט צו, אַז צומאָל איז דער תכלית פון דער נסיעה ניטאָמאָל פאַר'ן מענטש וואָס פאָרט, **נאר פאר איינער פון זיינע משרתים**. דער גבאי דאַרף דאָרט עסן אַ שטיקל ברויט אָדער טרונקן אַביסל וואַסער, נאָר ער האָט דאָך נישט קיין געלט פאר אַזאַ לאַנגע רייזע, **דעריבער האָט מען פון הימל געמאַכט אַ רצון פאר זיין בעה"ב אַז ער זאָל ווילן פאָרן דוקא צו יענעם פּלאַץ**, און די גאַנצע ציל דערפון איז בלויז אַז דער גבאי זאל באַקומען זיין שלימות הנפש דאָרט.

## זיך באַדאַנקט אַז מ'האָט אים געהאָלפן מאַכן אַ ברכה

אַזוי פאַרציילט מען טאַקע אויפ'ן באַקאַנטן חסיד, רבי **אהרן יוסף בריזל** זצ"ל, אַז ווען ער האָט זיך געפינען ביי אַנדערע מענטשן אינדערהיים, און מ'האָט אים מכבד געווען צו מאַכן אַ ברכה, פלעגט

### ← אותיות מחכימות ←

ספה"ק אור המאיר פרשת צו

שָׁמַעְתִּי מהבעש"ט שֶׁבֵּאֵר פֵּרוּשׁ הַכָּתוּב (תְּהִלִּים לז, כג): 'מֵה' מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ וְדַרְכּוֹ יַחְפָּץ', וְאָמַר עַל אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הַנּוֹסְעִים לְאֶרֶץ מֶרְחַקִּים בִּסְחוֹרוֹת וְכַדּוֹמֶה הָרְחוֹקִים נְדוֹד, לֹא מַחְשְׁבוֹתָיו יִתְבָּרֵךְ מַחְשְׁבוֹתָם, הֵמָּה מְדַמִּים בְּנַפְשָׁם שֶׁכָּל עַצְמָם עִם דֶּרֶךְ נְסִיעָתָם לְאֶרֶץ מֶרְחַקִּים, בַּעֲבוּר הַרְבּוֹת זָהָב וְכֶסֶף חִלּוּף סְחוֹרָתָם, וְלָזֶה הֵמָּה מְקַצִּים רַגְלֵיהֶם.

וּבֶאֱמֶת הוּא יִתְבָּרֵךְ לֹא כֵן יְדַמֶּה, כִּי אִם הוּא יוֹדֵעַ לְתַקֵּן עִנְיָנוֹ יוֹתֵר מִמֶּנּוּ, וְלִפְעָמִים יֵשׁ לוֹ לְאָדָם כִּכַּר לֶחֶם בְּאֶרֶץ מֶרְחַקִּים הַנּוֹגֵעַ אֶל בְּחִינָתוֹ, וְהוּא צָרִיךְ לֶאֱכֹל אוֹתוֹ כִּכָּר דַּיְקָא בְּאוֹתוֹ מָקוֹם וּבְשָׁעָה הַזֹּאת, אוֹ לִשְׁתּוֹת מְלֹא לְגָמָיו מַיִם בְּמָקוֹם הַהוּא, וּלְכַוָּנָה הַנִּזְכָּר מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, לְהַרְחִיק נְדוֹד כַּמָּה מֵאוֹת פַּרְסָאוֹת, בִּכְדֵי לְהַשְׁלִים אֶת נַפְשׁוֹ עִם זֶה הַכִּכָּר לֶחֶם וּשְׁתוֹת מַיִם מְעַט אוֹ הַרְבֵּה, וְלִפְעָמִים אֲפִלּוּ אֵלָיו לֹא יַגִּיעַ, כִּי אִם לְאֶחָד מִמְּשָׁרְתָיו הָעִבְרִים, אִם יֵשׁ לוֹ שָׁם פַּת לֶחֶם וְקִיתוֹן מַיִם, וְלִהְיוֹת שֶׁאֵין יָדוֹ מַשֶּׂגֶת לִנְהֹג נְסִיעָה לְמָקוֹם רָחוֹק כָּזֶה, זֹאת הַגּוֹרֶמֶת רָצוֹן לְבַעֲלָיו לִנְהֹג דֶּרֶךְ נְסִיעָתוֹ דַּיְקָא לְמָקוֹם הַהוּא, בַּעֲבוּר עַבְדּוֹ לְמַלֹּאות כְּרֵסוֹ מִלֶּחֶם הַמְזֻמָּן לוֹ שָׁם, וּשְׁתוֹת מֵימָיו הַנּוֹגְעִים אֵלָיו, כִּי כֵן גָּזְרָה חָכְמָתוֹ יִתְבָּרֵךְ הַצָּרִיךְ לְהַשְׁלָמַת נַפְשׁוֹ לְקַבֵּץ חֲלָקָיו, הֵמָּה אַחַת מִדַּרְכֵי אֵל.

לָזֶה רוֹמֵז הַכָּתוּב מֵה' מִצְעֲדֵי גֶבֶר כּוֹנָנוּ, שֶׁנּוֹהֵג אֵיזֶה נְסִיעָה לְמָקוֹם רָחוֹק הַכֹּל הוּא מֵאִתּוֹ יִתְבָּרֵךְ, כַּאֲשֶׁר גָּזְרָה חָכְמָתוֹ לְהַשְׁלָמַת נַפְשׁוֹ בְּאַחַת מִסִּבּוֹתָיו יִתְבָּרֵךְ הַיְּדוּעִים לוֹ יִתְבָּרֵךְ, וְהוּא הָאָדָם לֹא כֵן יְדַמֶּה וּלְבָבוֹ לֹא כֵן יַחְשֹׁב, כִּי אִם וְדַרְכּוֹ דַּיְקָא יַחְפָּץ, לִנְהֹג נְסִיעוֹת וּבִסְחוֹרָה וְכַדּוֹמֶה, וּמֵאֵת ה' שָׁכַח לוּחַ לִבּוֹ.

ער גלייך זאָגן, נאָך פאַר'ן מאַכן די ברכה, אַז ס'ווערט **יעצט נתקיים דער רצון הבורא**, ווי דער בעש"ט הק' זאָגט אַז דער מענטש קומט אָן אויף אַ פּלאַץ ווייל ער דאַרף דאָרט מאַכן אַ ברכה.

ר' אהרן יוסף האָט געהאַט אַ שטאַרקע הכרת הטוב פאַר דעם בעל אכסני'. ער **האָט זיך באַדאַנקט אַז מ'האָט אים געגעבן די געלעגנהייט צו מאַכן אַ ברכה דאָרט אויפ'ן פּלאַץ**, וואָס דאָס איז דאָך די גאַנצע סיבה פון דער נסיעה.

## דער כלל פון דעם חובת הלבבות

היוצא לנו מדברינו, צו מאַכן אַ סך הכל פון דער גאַנצער סוגיא:

דער חובת הלבבות האָט אונז געלערנט אַז **איינער וואָס לויפט זוכן פרנסה אויף אַן אַנדערע פּלאַץ, האָט ער אַ טעות אין די עקרי האמונה**, ווייל יעדע סאָרט שפע וואָס דער אויבערשטער גיט דיר איז נישט תלוי אין קיין שום מקום. **אַלעס קומט פון דעם אויבערשטן, און ער קען דיך געבן די שפע דאָ אויף דיין יעצטיגע פּלאַץ**, פּונקט ווי ער קען עס געבן דאָרט.

טאָמער דו טרעפסט זיך אין אַ מצב וואָס דו לויפסט צו דער אַנדערער זייט וועלט ווייל דו מיינסט אַז דאָרט גייסטו פאַרדינען געלט, **שטעל זיך אָפּ!** דאָס איז חלילה אַ שטיקל כפירה אין די עקרי אמונה. **גלייב נישט דעם יצר הרע וואָס זאָגט אַז דאָס איז אַ חלק פון השתדלות. דאָס איז זיכער נישט קיין השתדלות!** ווייל ס'איז נישטאָ אַזאַ מציאות אויף דער וועלט אַז מ'זאָל קענען באַקומען שפע נאָר פון אַ געוויסע אָרט. שפע קומט פון אויבן און ס'האָט נישט צוטון מיט קיין שום ענין פון מקום.

## צו משפיע זיין דאַרף מען יאָ אַוועקפאָרן

אָבער גלייכצייטיג האָבן מיר געלערנט וואָס דער **רמ"א** פּסק'נט אין שו"ע (אבן העזר, סי' ע"ה סעיף א) **אַז אויב אַ מענטש האָט נישט קיין פרנסה, מעג ער כופה זיין אין שטוב זיך צו אַריבערציען אויף אַן אַנדערע פּלאַץ וואו ער קען האָבן פרנסה.** דאָס איז ווייל ווען דער מענטש דאַרף משפיע זיין, דעמאָלט דאַרף ער טאַקע צומאָל יאָ גיין אויף אַנדערע מקומות, ווי עס שטייט אין די **כתבי האריז"ל** און אין די **ספרי תלמידי בעש"ט**.

וויאַזוי ווייסט דער מענטש אַז פון הימל ווייל מען יעצט אַז ער זאָל משפיע זיין אויף יענעם מקום?! **ווען ער זעט אַז דער פינאַנציעלער מצב שטופט אים אַהינצופאָרן**, איז דאָס אַ סימן אַז ער דאַרף דאָרט עפּעס אויפטון.

דאָס זעלבע אויב ער פאַרדינט נישט גענוג געלט דאָ אין דעם יעצטיגן אַרבעטס פּלאַץ, איז דאָס וואַרשיינליך אַ סימן אַז ער זאָל גיין זוכן אַן אַנדערע אַרבעט, ווייל ער **דאַרף מסתמא מער משפיע זיין ערגעץ אַנדערש.**

## טון השתדלות אָבער מיט די כוונה צו משפיע זיין

מ'הערט אַסאַך ווי מענטשן נוצן די שפּראַך: "דו טוסט נישט גענוג השתדלות, דאַרפסט טון מער השתדלות"... דאָס איז אָבער אַ סתירה מיניה וביה, ווייל **'טון מער השתדלות' מיינט אַז מ'זאָל מער מקיים זיין דעם שליחות פון 'לעבדה ולשמרה'**, און וואָס האָט דאָס צוטון מיט נאָכלויפן מער געלט?! אַז מ'וועט טון דעם 'לעבדה ולשמרה' מיט די ריכטיגע כוונה וועט מען אודאי באַקומען אויטאָמאַטיש אַלע שפע וואָס מ'דאַרף האָבן!

דער כלל איז, אַז **יעדער מענטש, זאָל ער האָבן** **דעם שוואַכסטן קאָפּ, איז אַ ריזיגער משפיע אין רוחניות!** ווייל ווען ער איז מקיים אפילו די קלענסטע מצוה, **ברענגט ער קדושה פאַר זיך, פאַר דעם פּלאַץ און פאַר דער גאַנצער סביבה.** דעריבער הייב אָן זיך בודק זיין וואו דו קענסט מער משפיע זיין, וועסטו זען אַז ס'וועט זיך דיר עפענען די שפע.

## אַרויסגיין פון דעם צמצום

אַ מענטש איז זיך צומאָל מצמצם צו זיין יעצטיגע אַרבעט'ס פּלאַץ. ער טענה'ט: "איך קען נישט אָפּלאָזן מיין יעצטיגע אַרבעט'ס פּלאַץ, טראָצדעם וואָס איך פאַרדין ווייניג געלט, אויב כ'וועל גיין אין אַ צווייטע פּלאַץ וועל איך דאָס אויך נישט האָבן".

דאָס איז אַ גרויסע טעות! **פּאַרוואָס האָסטו זיך איינגערעדט אַז דער אויבערשטער גייט דיך געבן בלויז די עטליכע טויזנט דאָלער חודש'ליך?!** עס וואַרט דיך אָפּ 25 טויזנט דאָלער חודש'ליך און מעגליך נאָכמער! אַלעס איז געוואָנדן וויפיל דו דאַרפסט ממלא זיין דיין תפקיד. דו דאַרפסט בלויז עפענען דיין מח צו מתפלל זיין: **רבוש"ע העלף מיך ערפילן מיין שליחות.** פּאַרוואָס זאָלסטו קלאַפּן און צעברעכן די טויערן פון הימל מיט תפלות פאַר פרנסה, **ענדערש זיי מתפלל אַז דו זאָלסט קענען ממלא זיין דיין תפקיד.**

קוק זיך נאָך, זע וועלכע זאַכן מ'איז דיך מציע און וויאַזוי דו קענסט ריכטיג מקיים זיין דיין שליחות פון 'לעבדה ולשמרה', מיט מצות עשה'ס און מיט מצות לא תעשה'ס, און צוביסלעך וועט דיר דער אויבערשטער אודאי העלפן. **אַנשטאָט בעטן פאַר די פּאַר דאָלער מער אָדער פאַר אַ בעסערע הלואה, זיי מתפלל אַז השי"ת זאָל דיך העלפן אויספירן דיין תפקיד אויפ'ן וועלט**, דעמאָלט וועט מען דיך פון הימל אודאי העלפן און די שפע וועט שוין ממילא נאָכקומען סיי וואו דו געפינסט זיך.

# טהרת המקוה

## ורחץ את בשרו במים וטהר;

די כח הקדושה פון מקוה צו מטהר זיין פון גאוה און אַנדערע חלאי הנפש

יום חמישי פ' תשא ט"ז אדר א' תשפ"ב

חלק ב

א

# דרך ישרה שיבור לו האדם; די לעבנס עבודה פון אַן ערליכער איד צו גיין אויפ'ן דרך הממוצע

## די עבודה איז צו טרעפן דעם מיטל וועג

אין דעם אַנהויב שיעור האָט מען דערמאָנט וואָס עס שטייט אין ספה"ק **עטרת ישועה** (פרשת וישלח), אַז מקוה האָט דעם כח צו ממזג זיין אַלע יסודות פונעם מענטש און דערפאַר ברענגט דאָס אַ רפואה.

די הייליגע ווערטער פון דעם עטרת ישועה עפנט אונז **זייער אַ וויכטיגע חלק אין לעבן**, וואָס ס'איז כדאי צו מרחיב זיין דערוועגן, און דערנאָך וועט מען צוריקגיין צום ענין פון מקוה.

אַז מ'איז זיך אַביסל מתבונן וועט מען זען אַז די עבודת החיים פון אַ מענטש איז אַלעמאָל, אַז **ער זאָל טרעפן דעם 'דרך הממוצע' צווישן צוויי קיצוניות'דיגע זייטן.** ווייל ווען אַ מענטש גייט עקסטרעם אויף איין וועג וועט ער קיינמאָל נישט מצליח זיין.

## נישט צו שטרענג און נישט צו נאָכגעביג

צום ביישפּיל ווען ס'קומט צו חינוך: אויב דער טאַטע וועט בלויז זיך באַנוצן מיט דעם 'שמאל דוחה', און אַלעמאָל זיין שאַרף און שטרענג, קען דאָס חלילה פּוגע זיין אין דעם נפש פונעם קינד. **עלטערן דאַרפן אודאי געבן אהבה און אַרויסווייזן פאַרשטאַנד פאַר'ן קינד.** אָבער פון דער אַנדערער זייט אויב וועט מען בלויז נוצן דעם 'ימין מקרבת' **איז דאָך פאַרהאַן זאַכן און פּלעצער וואו מ'קען נישט מוותר זיין.** עלטערן קענען נישט אַלעמאָל זאָגן: "נו, ס'איז נישט געפערליך", ווייל אויב איז עפּעס שלא על פי תורה איז עס זייער געפערליך. מ'דאַרף יאָ קאָמענטירן און זאָגן וויאַזוי זיך צו פירן ריכטיג.

דאָס הייסט אַז מ'דאַרף דאָ האָבן דעם מיטל וועג פון 'שמאל דוחה וימין מקרבת'. און צו טרעפן אָט דעם דרך הממוצע איז ממש אַ נס, ווייל **כדי צו ממזג זיין די אהבה מיט די יראה און טרעפן דעם ריכטיגן שביל הזהב, ערגעץ וואו אינמיטן, קען מען נאָר באַווייזן דורך די תורה.** בלויז דער רבוש"ע קען מגלה זיין דעם ליכטיגקייט אַז דער מענטש זאָל זיך קענען האַלטן פּונקט אינמיטן, און ער זאָל נישט גיין צו שטאַרק אויף קיין איינס פון די צוויי עקן.

## לערנען תורה צוזאַמען מיט גמילות חסדים

נאָך אַ ביישפּיל: יעדער איד דאַרף עוסק זיין בתורה

און אויך בגמילות חסדים. ס'איז נישטאָ קיין שום מענטש וואָס איז פּטור פון די ביידע זאַכן, און **אַן ערליכער איד געפינט זיך כסדר אין אַ קאָנפליקט:** דאָ קומט אים אונטער אַ גמילת חסדים וואָס צוליב דעם האָט ער נישט געקענט לערנען זיין געוועגליכער סדר, ווייל **ער האָט געדאַרפט פאַרמאַכן די גמרא כדי צו טון דעם חסד.** (כידוע דאָס וואָרט פון גאָר אַסאַך **צדיקים** אַז אַ איד דאַרף קענען פאַרמאַכן די גמרא כדי צו העלפן אַ צווייטן איד). אָבער פון דער אַנדערער זייט **דאַרף ער רייסן שטיקער פון זיך צו לערנען תורה,** ווייל מ'מוז דאָך לערנען, מ'קען זיך נישט פּטר'ן מיט קיין תירוצים אַז מ'טוט חסדים. מ'דאַרף דאך האָרעווען אין תורה און מ'דאַרף לערנען אַסאַך, נישט בלויז אויף יוצא צו זיין.

דאָס איז אַ מלחמה, אַן אָנגייענדע גרויסע מלחמה, און ווען אַ מענטש איז זיך מתבונן וועט ער זען אַז **כל ימי חייו איז ער פאַרנומען מיט דער ריזיגער מלחמה.** ער פאַלט כסדר אויף איינס פון די ביידע זייטן, און ער זוכט אַלעמאָל וויאַזוי צו זיין פּונקט אינמיטן, וואָס דעמאָלט וועט ער דערגרייכן 'שלימות'. אָבער אָט דעם שלימות קען נאר די תורה געבן.

## דורך הכנעה איז מען זוכה צו מיזוג היסודות

וואָס איז טאַקע די עבודה וויאַזוי אַ מענטש קען זיך טרעפן אינמיטן?! צומאָל מיינט מען אַז די עבודה איז 'שיקול הדעת'; צומאָל מיינט מען אַז די עבודה איז צו גיין אַסאַך אויף איין זייט און דערנאָך אַסאַך אויף די אַנדערע זייט; אָבער באמת איז דאָ איין עבודה וויאַזוי אָנצוקומען אויפ'ן ריכטיגן דרך הממוצע: **דאָס איז די מדה פון הכנעה צום אויבערשטן.** ווען אַ איד האָט הכנעה מאַכט דאָס אַז ער זאָל קענען זיין 'ממוזג', און אַזוי וועט ער קענען אַרבעטן אויף עטליכע מדות צוזאַמען. ער וועט זיך קענען מתגבר זיין אויף תאוה און אויף עצלות, און אויף אַלע מדות רעות.

די סיבה פאַרוואָס הכנעה איז דאָס בעסטע מיטל פאר אַלע מדות איז, ווייל געוועגליך **ווען אַ מענטש ווערט שטאַרק צעקאָכט אויף אַ געוויסע זאַך, דעמאָלט שטאַרקט זיך יענער יסוד ביי אים.** ווען ער האָט אַ נסיון פון כעס איז זיך מתגבר זיין כח פון 'אש'; ווען ער האָט אַ נסיון פון עצלות איז זיך מתגבר זיין כח פון 'עפר', א.א.וו. אָבער **ווען דער מענטש האָט הכנעה, ווייסט ער אַז מ'דאַרף זיך רעכענען מיט אַלע פיר יסודות** און מ'דאַרף נוצן דעם ישוב הדעת צו מכריע זיין צווישן יעדן חלק פון די יסודות.

## מ'דאַרף זיך רעכענען מיט אַלע קינדער...

אַ טאַטע האָט אַ משפּחה מיט קינדער, און מ'וויל גיין חול המועד האַלטן. פאר איין קינד וואָלט געווען זייער גוט ווען מ'גייט צו אַ געוויסן פּלאַץ, אָבער די אַנדערע דריי קינדער וויינען און שרייען אַז זיי ווילן נישט גיין דאָרט. וואָס טוט אַ קלוגער טאַטע?! ער פאַרשטייט אַז **מ'דאַרף זיך דאָ רעכענען מיט יעדן און פּרובירן צו טרעפן אַ מהלך וויאַזוי אַלע קינדער זאלן הנאה האָבן.** ס'איז טאַקע נישט קיין לייכטע זאַך, אָבער מ'קען דאָך נישט גיין נאר מיט איינעם.

דער טאַטע זיצט ביי אַ שבת'דיגע סעודה און דערציילט מעשיות. אינמיטן באַמערקט ער אַז **די מעשה איז טאַקע געוואַלדיג, אָבער זיין זעקס יעריג קינד קען דאָס נאָכנישט פאַרשטיין.** צומאָל לאָזט זיך דאָס קינד הערן: "קענסט מיר מסביר זיין די מעשה?"... אַצינד ווייסט דער טאַטע אַז ער דאַרף זיך צושטעלן. ער וואָלט געקענט גיין נאר אויף איין זייט, אָבער ער גייט יעצט פּרובירן דערציילן אויף אַ וועג וואָס זאָל זיין אינטערעסאַנט פאַר אַלעמען.

אַזוי פאָדערט דער אויבערשטער אַלעמאָל פון דעם מענטש אַז ער זאָל טרעפן דעם דרך הממוצע. **דאָס איז נישט בלויז אַ כלל אין חינוך, דאָס איז אַ כלל אין אונזער גאַנצע מהלך החיים.** דורכדעם וואָס דער מענטש דאַרף זיך כסדר צושטעלן צו קיצוניות'דיגע מצבים פון ביידע זייטן, מאַכט דאָס אַז דער מענטש זאל ווערן אַ נכנע. דאָס איז זיין עבודת ה' ווייל אַזוי איז ער זיך מכניע אַגאַנצן צייט!

## דער רצון ה' איז דוקא די סתירה צווישן ביידע זייטן

צומאָל ווערט דער מענטש ברוגז, זאָגנדיג: ווען איך וואָלט געהאַט פליגלען וואָלט איך געקענט אַזויפיל שטייגן אין עבודת ה', אָבער וואָס זאָל איך טון אַז איך דאַרף זיך צושטעלן צו מיין ווייב... איך וואָלט געקענט אַסאַך מער לערנען, כ'וואָלט געקענט פאַרדינען אַסאַך מער געלט, אָבער הער זיך איין, **ס'איז דאָ אַ שטוב און ס'איז נישטאָ וואָס צו מאַכן.** אויב כ'וויל זיין ווייטער חתונה געהאַט איז דאָס מיין גורל...

דאָס איז דאָך אַזאַ אומריכטיגע צוגאַנג, ווייל דער אמת איז, אַז דער רבוש"ע לייגט אַריין דעם מענטש כל ימי חייו אין קיצוניות'דיגע מצבים, ער וויל אַז דער מענטש זאל טרעפן דעם דרך הממוצע, **טאַקע וויבאַלד די עצם מציאות פון זיך געפינען צווישן די צוויי זייטן, דאָס מאַכט דעם מענטש אויסגעאַרבעט!**

## אַ שנה ראשונה דילעמע

נאָך אַ משל דערצו, וואָס איז אויך אַ נמשל, ווייל ליידער אַסאַך האָבן דעם נסיון:

א יונג ווייבל האָט יעצט חתונה געהאַט און איז צוריסן צווישן איר מאַמע און צווישן איר שנה ראשונה מאַן. ביז די חתונה האָט זי אָנגעפירט אַלעס ביי די עלטערן אינדערהיים, און יעצט נאָך דער חתונה פאָדערט די מאַמע ווייטער אַז זי זאָל קומען און העלפן. מען ערוואַרטעט פון איר צו טראָגן און ברענגען און ערלעדיגן, אָבער זי האָט דאָך חתונה געהאַט און זי דאַרף זיין אין איר נייע שטוב.

זי ווייסט קיינמאָל נישט וואָס איז די ריכטיגע זאַך צו טון, און זי שפּירט אינגאַנצן צעמישט, ווייל יעדע זאַך וואָס זי גייט טון, גייט אַוועקנעמען פון דער אַנדערער זייט. דער אויבערשטער לייגט אַריין דעם מענטש אין אַ ספק: וואָס איז די ריכטיגע זאַך צו טון?!

## דאָס בלאַט גמרא אָדער אבות ובנים?!

אַ יונגערמאַן וויל אַביסל לערנען שב"ק. ס'איז די איינציגע טאָג אין דער וואך ווען ער האָט אַביסל רואיגע צייט צום לערנען. אָבער **וואָס זאָל ער טון אַז זיין יונגל וויל יעצט לערנען מיט אים חומש ביי 'אבות ובנים'?!** זאָל ער זיך אָפּגעבן מיט זיין קינד צו לערנען חומש, אָדער זאָל ער לערנען אַ בלאַט גמרא?!

די אַלע מצבים ברענגען פאַר'ן מענטש אַ מורא'דיגע הכנעה. ער פאַרשטייט אַז **דער רבוש"ע מאַכט די מצבים וואָס שלעפּן אים אויף ביידע זייטן און דער אויבערשטער וויל אַז כ'זאָל טון ביידע.** כ'וועל דאַרפן אַראָפּנעמען פון מיינע אייגענע זאַכן, און אויך אַביסל אַראָפּנעמען פון ביידע זייטן, כדי צו פּרובירן און טרעפן אַ מיטל וועג, און זייער מעגליך אַז למעשה וועלן ביידע זייטן זיין ברוגז אויף מיר... די מאַמע וועט זיין ברוגז און אויך דער מאַן וועט זיין ברוגז. דאָס יונגל וועט זאָגן אַז ער האָט נאָר געלערנט 'אבות ובנים' פאר 25 מינוט און דער טאַטע האָט למעשה נישט געענדיגט דעם בלאַט גמרא ביז'ן סוף...

ב

# לבעבור נסות אתכם בא אלקים; די קעגנזייטיגע עבודות ברענגט אַרויס אַ געבענטשטע הכנעה פון אַ איד

## די עבודה וואָס מאַכט אַז מ'זאָל נישט קענען האָבן קיין גאוה

זייער אַסאַך מאָל ווען דער מענטש געפינט זיך אין די מצבים שפּירט ער: "אוי לי מיוצרי ואוי לי מיצרי. איך האָב פּרובירט מאַכן אַ פּשרה אָבער יעצט איז קיינער נישט צופרידן"... דאָס איז אַ גרויסע ווייטאָג, **אָבער למעשה מאַכט דאָס אים פאר אַ מורא'דיגער נכנע.** ס'מאַכט אַז דער מענטש זאָל זיך שפּירן ווי אן עבד פאַר'ן רבוש"ע. ער פּרובירט וויפיל ער קען אויף איין זייט, נאָכדעם פּרובירט ער וויפיל ער קען אויף דער צווייטער זייט, אָבער **ער שפּירט זיך קיינמאָל נישט ווי אַ מורא'דיגער מושלם,** ווייל ער האָט אַלעמאָל די הרגשה אַז וויפיל כ'וועל נאר טון, איז עס נישט בשלימות.

איך האָב געוואָלט ענדיגן אַ בלאַט גמרא אָבער כ'האָב געדאַרפט פאַרמאַכן די גמרא כדי צו מיטגיין מיט דעם איד וואָס איז געגאַנגען נאָך געלט. למעשה איז יענער איד ברוגז אויף מיר, ווייל ער האָט געוואָלט אַז כ'זאָל מיטקומען מיט אים אויך אין אַנדערע בתי מדרשים, אָבער כ'האָב נישט געקענט אַזויפיל טון, ווייל **כ'דאַרף דאך עפּעס לערנען אויך.** און פון דער צווייטער זייט האָב איך למעשה אויך נישט געענדיגט דעם בלאַט גמרא...

יעדער ערליכער איד האָט אַזעלכע סאָרט מצבים, און דאָס איז דער רצון פונעם אויבערשטן! אויב אַ מענטש גייט חלילה אויף אַ קרומע מהלך, וויל ער זיך דוקא שפּירן אַלס אַ מושלם, און דעמאָלט נעמט ער איין זאַך פאר זיין עבודת ה'. **ער איז מחליט אַז בלויז דאָס איז זיין זאַך, און אַזוי קען ער זיך שפּירן כאילו ער איז אַ מורא'דיגער מוצלח.** ווען מ'קומט אים בעטן אַ טובה זאָגט ער: "איך קען נישט, איך טו נישט די זאַכן". ער טוט טאַקע זיין זאַך ביז צום מאַקסימום און ער רעדט זיך איין אַז ער איז אַ מוצלח, אָבער עס פעלט אים די הכנעה!

## קיינמאָל נישט מוותר זיין, נאר ווען דער רבוש"ע וויל

באמת איז דאָס טאַקע זייער אן איידעלע נקודה, ווייל אַ איד וואָס וויל שטייגן אין עבודת ה' ווייסט אַז **ער דאַרף זיך האַלטן שטאַרק צו אָנהאַלטן און אָנגיין אַלעמאָל מיט די זעלבע זאַך.** אָבער גלייכצייטיג **דאַרף ער אַמאָל קענען נאָכלאָזן,** ווען ער זעט אַז דאָס איז דער רצון ה'.

למשל: אַ איד מאַכט זיך אַ קבלה צו אַלעמאָל דאַווענען אין דעם זעלבן מנין, אפילו ווען ס'קומט אים אן זייער שווער לאָזט ער דאָס קיינמאָל נישט נאָך, און **דער רצון ה' איז טאַקע אַז דער מענטש זאל קיינמאָל נישט מוותר זיין.** חוץ ווען דער אויבערשטער בעט אים צו מוותר זיין!

## אויפשטיין פרי פאַרטאָגס אָבער מיט אַ מיזוג היסודות

דער מענטש שטייט יעדן טאָג אויף פיר אַזייגער

פאַרטאָגס. נישטאָ קיין מעשיות, פיר אַזייגער איז פיר אַזייגער. דאָס רעכנט אויך אַריין זונטאָג, אַ טאָג נאָך אַ חתונה, און אסרו חג. ער איז אַלעמאָל אינדרויסן פון בעט פיר אַזייגער פאַרטאָגס.

אָבער איינמאָל איז ער זיך מתבונן אַז **אַדאַנק דעם ווערט ער נכשל אין 'בין אדם לחבירו'**. נעכטן האָט ער זיך געלייגט צוויי אַזייגער ביינאַכט, און ער איז געשלאָפן בסך הכל צוויי שעה. דאָס האָט גורם געווען אַז דורכאויס דעם טאָג האָבן אַפּאָר מענטשן גוט געכאַפּט פון אים...

דאָ כאַפּט דער יצר הרע אַריין אַזאַ סאָרט ערליכער מענטש. דער יצר הרע זאָגט אים: ווייסטו וואָס?! **דו האסט מחליט געווען אַז דו גייסט אויפשטיין פיר אַזייגער, 365 טעג אַ יאָר?! בסדר גמור, איך גיי צוזאַמען מיט דיר!** דו אַרבעט ווייטער אויף דיין פיר אַזייגער, אָבער גיי נישט אויפ'ן דרך הממוצע, זיי נישט ממזג די יסודות. שטיי ווייטער אויף פיר אַזייגער אפילו ווען דו ווייסט קלאָר אַז דו גייסט נישט קענען דאַווענען, און נישט קענען לערנען, און דו גייסט שרייען אויף מענטשן. פיר אַזייגער איז פיר אַזייגער!

## טרעפן דעם 'שביל הזהב' לעשות רצון קונו

וועט אָבער דער מענטש פרעגן: טאָמער גיי איך מוותר זיין אויף פיר אַזייגער, וועל איך יעדן טאָג טרעפן תירוצים. ס'וועט זיך אָנהויבן אַ מהלך פון אויפשטיין איין טאָג זיבן אַזייגער און דעם קומענדיגן טאָג ניין אַזייגער, איך קען דאָך מיין נאַטור...

דערפאַר איז דאָס טאַקע גאָר אַן איידעלע נקודה, ווייל **באמת וויל דער אויבערשטער פונעם מענטש אַז ער זאָל יעדן טאָג אויפשטיין פיר אַזייגער פאַרטאָגס**. אָבער דאָס איז חוץ ווען דער מענטש ווייסט אַז דורכדעם גייט ער נישט קענען דינען דעם אויבערשטן.

אפשר קען ער זיך מסדר זיין אַ מהלך אַז ער זאָל טאַקע אַרויסגיין פון בעט פיר אַזייגער, און נאָכדעם זאָל ער שלאָפן אויפ'ן טיש אַביסל; אפשר קען ער טרעפן אַנדערע עצות וויאַזוי דאָס צו מאַכן; אפשר **זאָל ער דאַווענען מיט אַ שברון לב אַז השי"ת זאָל אים העלפן צו קענען זיין רואיג מיט גוטע מדות טראָצדעם וואָס ער איז געשלאָפן ווייניג**. אָבער למעשה דאַרף דער מענטש וויסן אַז מ'דאַרף אַלעמאָל קענען רייסן פון זיך אַליין אויף ביידע זייטן.

## די טובה פון אַלעמאָל מוזן גיין צווישן די טראָפּן

אָט דאָס ברענגט **די געוואונטשענע הכנעה**, ווייל דער מענטש טרעפט זיך אַגאַנצן צייט צווישן צוויי מהלכים. אויב ער טוט צופיל די עבודה פאַלט ער דאָרט אַראָפּ, און אויב טוט ער צופיל דאָ, פאַלט ער אַראָפּ אויף די אַנדערע זייט.

דאָס זעלבע איז ווען ס'קומט צו די ענינים פון קדושה און פרישות: אויב גייט דער מענטש צופיל אויף איין זייט, פאַלט ער אַראָפּ פון דער צווייטער זייט. דער רבוש"ע האָט געוואוסט אַז דאָס גייט פּאַסירן מיט'ן מענטש, אָבער דאָס איז אַ טובה, ווייל **ווען אַ מענטש לערנט זיך צו ממזג זיין צווישן זיינע יסודות אפילו נאר אַביסל, איז דאָס די ריכטיגע מהלך פון דער תורה.** ער דאַרף אַלעמאָל זיכער מאַכן נישט צו ווערן געשלעפּט צופיל אויף איין זייט און ער באַקומט די ריכטיגע הכנעה.

## תולה ארץ על בלימה

די אמת איז, אַז די גאַנצע וועלט האַלט זיך אין דער לופטן צוליב אָט דעם יסוד, ווי דער **אור החיים הק'** שמועסט עס אויס אין פרשת בראשית אויפ'ן פסוק **ויכולו השמים והארץ וכל צבאם**, אַז די קיום פון דער וועלט איז דורכדעם וואָס זי איז משתוקק צום אויבערשטן אויף אַלע זייטן.

דער אור החיים הק' זאָגט דאָרט מורא'דיגע לשונות אַז יעדע זייט פון דער וועלט ציעט זיך צום אויבערשטן, און דורכדעם בלייבט די וועלט שטיין אינמיטן אויף איין פלאַץ: **ונמצא כל העולם תקוע ביתדות ומסמרי חשק הבורא לצד כלות ונטות רוחניות שבו להתקרב להנערב יתעלה שמו.**

## די שילוב צווישן אַלע סאָרט עבודות ה'

דאָס איז טאַקע די מדה פון 'תפארת', און דאָרט וויל השי"ת אַז דער מענטש זאל אָנקומען. פון איין זייט מוז ער האָבן אַ שטאַרקע יראת שמים און **טאָר נישט רעדן לשון הרע**; אָבער פון דער צווייטער זייט דאַרף ער אויך **שמייכלן צו אַנדערע מענטשן**. פון איין זייט דאַרף ער **מוחה זיין קעגן עבירות**; אָבער פון דער צווייטער זייט דאַרף ער אויך **האָבן אהבת ישראל**. אויב מען איז נישט מוחה ווערט מען חלילה נתפס בעוון הדור, דאָס איז נישט קיין חכמה. (ווי דער **אור החיים הק'** זאָגט אין פרשת כי תשא אַז רוב כלל ישראל האָט נישט געזינדיגט מיט'ן חטא העגל, נאר דער עונש איז געווען ווייל מ'האָט נישט מוחה געווען). אָבער גלייכצייטיג דאַרף מען ליב האָבן יעדן איד מיט אַ געוואַלדיגע אהבת ישראל.

אַזוי האָבן ערליכע אידן געלעבט זייער לעבן, און **דאָס איז די נקודה פון אַ איד.** ווייל דאָס מאַכט אַז דער מענטש זאל האָבן הכנעה. ער קען קיינמאָל נישט שפּירן אַז ער איז אַ מושלם. **דער רבוש"ע נעמט אים אַוועק די מעגליכקייט פון זיין אַ הונדערט פּראָצענטיגער מושלם.** ער דאַרף אַלעמאָל זיין אינצווישן, ער איז קיינמאָל נישט זיכער צי ער האָט געטון די ריכטיגע זאַך, ער האָפט און דאַוונט אַלעמאָל צו השי"ת, און דאָס ברענגט אים הכנעה.

ג

# אלקים עשה את האדם ישר; טהרת המקוה ברענגט צוריק דעם מענטש צו זיין אָריגינעלע ריכטיגע בריאה

## אַלע דורכפעלער קומט פון נישט אָפּטיילן צווישן די יסודות

דער עטרת ישועה לערנט אונז, אַז אַלע פאַרקרומטע מהלכי המחשבה און אַלע דורכפעלער פון אַ מענטש קומט בשורש, ווייל ער האָט נישט געהאַט די ריכטיגע מיזוג צווישן זיינע יסודות. **ער האָט געלאָזט אַז איין יסוד זאָל זיך מתגבר זיין צו שטאַרק, דערפאַר האָט ער געהאַט אַ דורכפאַל.** און די סיבה פאַרוואָס ער האָט נישט געהאַט קיין מיזוג צווישן די יסודות איז וויבאַלד בשורש איז געווען דאָ גאות.

צום ביישפיל, אַ מענטש וואָס פלעגט פּאַטשקען אַסאַך געלט, און ער האָט געהאַט אַ מורא'דיגע דורכפאַל אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין חובות. פון וואָס קומט די דורכפאַל? **ווייל ער האָט געלאָזט מתגבר זיין די טבע פון זיין אַ פארש°ענדערישער מענטש און ער האָט עס נישט באַגרעניצט.** ער האָט געפּאַטשקעט געלט פאר אַנדערע מענטשן און פאר זיינע אייגענע שטוב זאַכן, ביז ער האָט זיך געטראָפן אין חובות.

יעצט לויפט דער מענטש צוריק צום אַנדערן עקסטרעם, און ער הייבט אן קאַרגן אפילו אויף גוטע זאַכן. דאָס ברענגט ווייטער שטאַרקע דורכפעלער. זיין קאַרגשאַפט מאַכט אים פּראָבלעמען מיט שלום בית; ער האָט דורכפעלער ביים מקיים זיין מצוות; ס'קומט אַ יום טוב פסח קאַרגט ער פון שמחת יום טוב און ער קאַרגט פון קויפן פּראָדוקטן מיט מהודר'דיגע הכשרים, ווייל **ער איז געגאַנגען צו דער אַנדערער זייט און ער האָט מגביר געווען דעם יסוד פון קאַרגשאַפט.**

(אייגנטליך, ווען דער **רמב"ם** רעדט אין פרקי אבות פון צוויי קיצוניות'דיגע מהלכים, נוצט ער טאַקע דעם ביישפיל פון דרך הממוצע אַז מ'זאָל נישט זיין צו ברייט און נישט צו קאַרג נאר אינמיטן).

## דורכפעלער דורכדעם וואָס ס'שטאַרקט זיך די טבע פון קאַרגשאַפט

דער קאַרגער האָט דורכפעלער ווען ס'קומט צום חינוך פון די קינדער. ער איז קאַרג צו צאָלן פאר אַ יונגערמאַן זאל צולערנען מיט זיין קינד, אָבער **עטליכע יאָר שפּעטער זעט ער אַז ווען כ'וואָלט געגעבן די עטליכע הונדערט דאָלער אַ חודש פאר אַ יונגערמאַן צו לערנען מיט אים וואָלט דאָס קינד אויסגעקוקט בעסער.** יאָ, ס'איז אפשר שווער דעמאָלט, אָבער בשורש קומט דאָס, ווייל איינס פון דיינע יסודות האָבן זיך מתגבר געווען אויף די אַנדערע יסודות, און די מדה פון קאַרגשאַפט האָט דיך נישט געלאָזט טראַכטן ריכטיג אַז אויף אַזאַ זאַך דאַרף מען יאָ אויסגעבן געלט.

דאָס זעלבע פאַלט דער קאַרגער דורך, **ווען ס'קומט צו אויסגעבן געלט פאר די צניעות פון זיינע טעכטער.** ער וויל נישט קויפן נייע בגדים, אפילו זיין טאָכטער קען שוין נישט גיין מיט די אַלטע, און ער שטופּט עס כסדר אָפּ מיט'ן תירוץ אַז ער האָט נישט קיין געלט. **אָבער דאָס איז דאָך אידישקייט! מ'דאַרף דערפאַר צאָלן גראָב געלט, אַז די צניעות פון די קליידער זאָל זיין אויסגעהאַלטן הונדערט פּראָצענט!** און אויב דאַרף מען קויפן צוויי חדשים שפּעטער נייע קליידער און אַרויסוואַרפן די אַלטע, דאַרף מען דאָס אודאי טון אָן קיין מעשיות!

מענטשן האָבן גרויסע דורכפעלער אין דעם ענין, הגם ס'איז אַזוי וויכטיג פאַר'ן עתיד פון גוטע קינדער.

## מיר זענען אַלע געבוירן געוואָרן מיט'ן ריכטיגן באַלאַנס

ביי יעדע זאַך איז אַזוי. **די דורכפעלער פון אַ מענטש קומט פונדעם וואָס ער האָט נישט באַלאַנסירט איין יסוד מיט די אַנדערע.** דערפאַר איז די עבודה פון אַ איד אַגאַנץ לעבן צו פאַרשטיין אָט דעם יסוד און אַלעמאָל גיין אויף דעם דרך הממוצע. אַמאָל דאַרף מען מוותר זיין אויף איין זייט און אַמאָל אויף דער צווייטער זייט.

ס'איז טאַקע נישט קיין לייכטע אַרבעט, ווייל כדי צו מאַכן דעם מיזוג פון אַלע יסודות איז זייער שווער, אָבער באמת איז דער מענטש שוין אַמאָל געווען מושלם, ווי דער פסוק זאָגט: **אלקים עשה את האדם ישר**. ווען דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן האָט ער געהאַט די ריכטיגע און גלייכע מהלך. ער האָט געהאַט די פּאַסיגע מאָס ווארימקייט און די פּאַסיגע מאָס קאַלטקייט א.א.וו. נאר במשך הזמן איז דער מענטש פאַרגאַנגען צופיל, צו איינס פון די זייטן, און מ'דאַרף אַרבעטן דאָס צו פאַררעכטן.

## מקוה ברענגט צוריק דעם מענטש צו זיין ריכטיגע צורה

אויף דעם שטייט אין **ספרים הק'** (און ס'ווערט שוין אויך דערמאַנט אין **ספר החינוך** מצוה קעג) אַז ווען אַ איד טובל'ט זיך אין מקוה האָט דאָס דעם כח **צוריקצוברענגען דעם מענטש**

**צום אָריגינעלן מצב וויאַזוי ער איז באַשאַפן געוואָרן.** ווייל ביי בריאת העולם איז דאך די וועלט געווען פול מיט וואַסער, **ורוח אלקים מרחפת על פני המים**, נאר שפּעטער איז געוואָרן די יבשה.

דערפאַר זאָגט די תורה אַז ווען אַ מענטש איז טמא זאָל ער גיין אין מקוה, און **ווען ער טובל'ט זיך אין וואַסער גייט ער צוריק צום אָנהויב פון דער בריאה!** ער באַקומט צוריק די גוטע מהלכי המחשבה, און ער ווערט צוריק אַ געזונטער מענטש אַזויווי ער איז געווען ביי בריאת העולם, בעפאָר ער איז געוואָרן פאַרדרייט.

ענליך שטייט אין **ספרים הק'** אַז ווען אַ מענטש טובל'ט זיך מקוה גייט ער צוריק צו דער בחינה אַזויווי ווען ער איז געווען אַן 'עובר' וואָס איז אַרומגענומען מיט וואַסער פון אַלע זייטן און לערנט כל התורה כולה. **ווען מ'טובל'ט אין וואַסער גייט מען צוריק צו יענע בחינה, ווען מ'איז נאָכנישט געווען פאַרקרומט** און מ'האָט נאָך געהאַט די גלייכקייט פון 'אלקים עשה את האדם ישר'.

## מ'ווייסט נישט וואו מ'האָט אָנגעהויבן...

מ'קען זען אַמאָל מענטשן פאַרברענגען, און דער שמועס גייט פון איין טעמע צום אַנדערן. מ'האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן שב"ק, און מ'איז אָנגעקומען צו רעדן וועגן סעודות שבת; פון דאָרט איז דער שמועס געגאַנגען צו די פיש פון די שבת'דיגע סעודה; פון פיש איז מען געפארן צו די טעמע פון פיש כאַפּער; און פון דאָרט צו אַ געוויסע מדינה וואו מ'קען באַקומען גאָר גוטע פיש; יענע מדינה איז יעצט אין אַ מלחמה מיט אַן אַנדערע לאַנד; און אַזוי פאָרט דער שמועס ווייטער און ווייטער, ביז מ'כאַפּט זיך: **איין מינוט, ווי איז מען דאָ אָנגעקומען?! וואָס האָט מען געהאַלטן אינמיטן רעדן?!** אָה, ריכטיג, מ'האָט גערעדט וועגן שבת...

אַז מ'וועט גוט קוקן, וועט מען זען אַז יעדער מענטש פירט זיין מהלך החיים אויף דעם אופן. ער איז געקומען אין שול צו דאַווענען מיט מנין, ווייל ער גלייבט אין תפלה בציבור. **אָבער צו זיין מזל איז נעבן אים געשטאַנען איינער וואָס פאַרדינט אַסאַך געלט.** אַגאַנצן דאַווענען האָט ער געקוקט אויף יענעמ'ס נייע טלית בייטל און געטראַכט ווי גליקליך יענער איז צוליב זיין געלט.

למעשה האָט ער אַרויסגענומען פון דעם גאַנצן דאַווענען איין זאַך: אַז מ'דאַרף אַרבעטן צו מאַכן אַסאַך געלט. **ער כאַפּט אפילו נישט ווי זיין גאַנצע מח לויפט יעצט מיט מחשבות וועגן געלט** און ער וועט אפילו טון אומאויסגעהאַלטענע זאַכן צוליב דעם. **דער מענטש איז פאַרגאַנגען ווייל 'יצרו של אדם מתגבר עליו בכל יום'.** דער יצר פירט אים ביי דער נאָז און ער מאַכט אַז דער מענטש זאל נאָכאַנאַנד פאָרן פון איין זאַך צום צווייטן.

## די מקוה רופט אונז צוריק פון די פאַרדרייטע מחשבות

דאָס שפּילט זיך אויך אָפּ בײַם כולל יונגערמאַן: ער איז געקומען לערנען מיט זיין חברותא און ער האָט אפילו געלערנט כמעט די גאַנצע צייט ברציפות, אָבער דאָס ביסל וואָס ער האָט גערעדט האָט אים דער חברותא דערציילט אַז זיין ווייב אַרבעט אויף אַ געוויסע פּלאַץ, און אַצינד וויל דער יונגערמאַן אַז אויך זיין ווייב זאָל גיין דאָרט אַרבעטן און פאַרדינען געלט. ווען ער קומט אַהיים האָט ער שוין אַ גאַנצע געפעכט אין שטוב פאַרוואָס זי נעמט נישט אָן אַזאַ אַרבעט. **אַזוי פאַרפאָרט דער מענטש אַגאַנצן צייט.**

אָבער די מקוה זאָגט פאר אַ איד: **קום צוריק, קום צוריק! וואו ביסטו געגאַנגען?! הייב אָן פונדאָסניי.** און אַ מענטש דארף טאַקע פאַרשטיין אַז די מהלכי המחשבה ווערן מער און מער פאַרקרומט און מ'דאַרף דאָס שנעל צוריקברענגען צום ריכטיגן וועג. **דו ביסט דאך במהות אַ גלייכער מענטש, נאר די מחשבות זענען געוואָרן פאַרדרייט, דאַרפסט נאר מסכים זיין אַז דו ווילסט עס צוריק אויסגראָדן.** ווען אַ מענטש לערנט תורה און דאַוונט ברענגט דאָס צוריק די ריכטיגע מחשבות, אָבער די מקוה מאַכט אַז די תורה און תפלה זאלן דאָס טאַקע קענען באַווייזן.

## נישט מאַכן קיין שיטה פון דער קרומקייט

דער מענטש מוז פּשוט צוריק אויסגלייכן זיינע אָריגינעלע מהלכי המחשבה, ווייל אויב מ'לאָזט דאָס פאָרן ווייטער, ווערט מען דערנאָך אַזוי ווייט פאַרבלאָנדזשעט און שטאַרק פאַרדרייט אַזש אַז מ'מאַכט שוין אַ שיטה פון דער קרומקייט.

ס'איז זייער מצוי אַז דער מענטש איז געפאָרן אַזוי קרום ביז ער טרעפט זיך: וואו בין איך אָנגעקומען? ס'הייבט דאָך נישט אָן צו שטימען? כ'בין דאך אַזוי ווייט פון דעם דרך התורה?! אָבער דעמאָלט איז ער מחליט: קען דען זיין אַז איך בין אן אָפּגעפרעגטער? בין איך דען סתם אן עם הארץ? **ווייסטו וואָס, מ'וועט דאָס מאַכן פאַר אַ שיטה!** מ'וועט קובע זיין אַז דאָס איז טאַקע די ריכטיגע וועג! ער איז שוין אַזוי ווייט פאַרגאַנגען אַז ער קען שוין נישט טרעפן וואו דער אמת איז.

## אַ חשבון הנפש צו געדענקן פון וואו מ'קומט

**חז"ל** זאָגן (ביצה יא, א) אַז טייבעלעך גייען אַוועק בלויז אַזוי ווייט ווילאַנג זיי גייען נאָך קענען זען זייער נעסט. דאָס זעלבע דאַרף זיין ביים מענטש. אפילו ווען ער בלאָנדזשעט דאַרף ער קענען צוריקקוקן און זען: **אָה, דאָרט האָב איך אָנגעהויבן.** ער דאַרף קענען זיך מתבונן זיין: **וואו האָב איך אָנגעהויבן, וואו בין איך געווען איידער כ'בין פאַרקראָכן?!**

טאָמער אַ מענטש פאַרקריכט און ער גייט קיינמאָל נישט אין מקוה מיט דער ריכטיגער כוונה, ער טראַכט קיינמאָל נישט וועלכע מחשבות זענען אים קרום, **דעמאָלט בלייבט ער בלאָנדזשן אַזוי ווייט ביז ער געדענקט ניטאַמאָל וואו ס'האָט זיך אָנגעהויבן.** ווען איינער וועט אים קומען זאָגן אַן אָפּענע פסוק אין חומש וועט ער שוין נישט הערן וואָס מ'רעדט צו אים.

און דערפאַר דארף טאַקע אַ מענטש אַלעמאָל האָבן אַ חשבון הנפש: פאַרוואָס בין איך געוואָרן אין כעס? **ווייל ס'איז געווען אַ קרומע מחשבה פאַרדעם!** פאַרוואָס האָב איך גערעדט אַ לשון הרע? **ווייל כ'האָב נישט געטראַכט ריכטיג!** פאַרוואָס האָב איך נישט געשפּירט קיין קרבת אלקים ביי מעריב? **ווייל כ'בין פאַרקראָכן מיט די מחשבות נאָך פאַר'ן דאַווענען!** אַ מענטש דאַרף די אַלע זאַכן געדענקן און אויפזוכן, און מקוה איז זייער שטאַרק מסוגל דערצו. דאָס גיין אין מקוה ברענגט פאַר'ן מענטש אַ געוואַלדיגע ביטול און ס'לוינט זיך נישט דאָס צו אויפגעבן.

## מקוה איז וויכטיג דוקא ווען ס'איז דאָ ווייניג שכל

צום שלוס, איז דאָ אַ מורא'דיגע בריוו וואָס דער **בעש"ט הק'** האָט געשריבן פאר זיין זון, וזה לשון קדשו: **בדורותינו דור חלש ומעט השכל צריך מאוד להתמיד תמיד בטבילות ומקוואות יותר בתמידות**-דער בעש"ט הק' זאָגט אַז היינטיגע צייטן דאַרף מען גיין מער אין מקוה ווייל ס'איז אַ 'דור חלש ומעט השכל'. דאָס הייסט אַז ווען ס'איז דאָ ווייניגער שכל דאַרף מען וויכטיגער אָנקומען צו מקוה, ווייל ווען מ'האָט שכל קען זיך דאָס האַלטן אַביסל לענגער ביז מ'וועט גיין אין מקוה נאָכאַמאָל, אָבער **אַז די שכל איז אַזוי שוואַך און מען הערט זיך אָן מיט אַזויפיל קרומע זאַכן פון דער גאַס, דאַרף מען האָבן דעם טהרת המקוה** כדי צו באַקומען דעם ריכטיגן השתוקקות צום אמת.

און דער בעש"ט שרייבט ווייטער אין דעם בריוו: **וטוב יותר מהתענית, שהתענית מחליש את הגוף מעבודת השי"ת... כה דברי אביך אוהבך הדורש שלומך בלב ונפש, הק' ישראל בן לא"א הר"ר אליעזר.** - דאָס איז איינס פון די יסודות פון דעם בעש"ט, אַז תעניתים זענען מחליש דעם גוף און מ'קען נישט אַזוי דינען דעם אויבערשטן ווי ס'דאַרף צו זיין, **אָבער דערפאַר דאַרף מען גיין אין מקוה ווען ס'איז אַ דור חלש ומעט השכל.**

און אויב ס'איז נישט יעצט באַקוועם צו גיין אַ מקוה, **אָה, דעמאָלט ברענגט עס נאָכמער הכנעה!** ס'איז נישט באַקוועם פאַר'ן מענטש, **אָבער ער איז זיך מכניע און ער טובל'ט זיך מיט דער כוונה אַז כ'וויל האָבן אַ גלייכע קאָפּ.** דערמיט טוט מען זיך אַליין די גרעסטע טובה, ווייל ס'וועט זיך צוריקשטעלן די ריכטיגע מיזוג צווישן די אייגענע יסודות, און מ'וועט האָבן ווייניגער דורכפעלער אין לעבן בעז"ה.

# נקודה במחשבה

## 'תפלה בציבור' מיט'ן גאַנצן האַרץ און מיט אַ ליבשאַפט

ליל שישי משפטים תשפ"ד

### די הבטחה פון דעם הייליגן מאור ושמש

אין פרשת משפטים איז דאָ אַ מורא'דיגע שטיקל אין ספה"ק מאור ושמש אויפ'ן פסוק: **וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ.**

דער מאור ושמש זאָגט אַז די תורה וויל אונז אויסלערנען וויאַזוי צו דינען דעם אויבערשטן. ס'איז טאַקע אמת אַז יעדע סאָרט עבודת ה' איז מקובל לפני השי"ת, אָבער די עיקר עבודת ה' איז, אַז דער מענטש זאָל זיך משתתף זיין צוזאַמען מיט'ן ציבור, סיי ביים לערנען און סיי ביים דאַווענען.

און דער מאור ושמש שרייבט אַן הבטחה: **ובפרט בשעת התפילה, צריך כל אדם ליזהר מאד מאד, להתפלל עם הציבור יחד. ואם מתפלל עם הציבור יהיה מובטח שפרנסתו תהיה מזומנת לו בכל יום ברווחה, וברכה תהיה מצויה במעשי ידיו, וע"י תפלת ציבור יכולים לבטל כל הגזירות קשות ורעות.** עיי"ש וואו ער איז מאריך מיט לשונות נפלאים.

ס'איז טאַקע אַ שאָד אַז אַ מענטש זאל דאַווענען בציבור בלויז ווייל ער וויל האָבן

געלט, אָבער 'מתוך שלא לשמה בא לשמה'. ווען אַ איד מוטשעט זיך מיט געלט און ער דאַוונט נישט בציבור, איז די קשיא: **וואָס האָסטו געטראַכט?!** וואָס איז געווען דיין הוה אמינא?! מעיקרא מאי קסבר?! די **שפע פון דעם גאַנצן טאָג קומט דאָך אַראָפּ אינדערפרי,** אַזוי שטייט אין זוהר הק'. יעדן טאָג קומט באַזונדער אַ נייע שפע, דבר יום ביומו. און **דאָס קומט בשעת'ן דאַוונען!** אויב דער מענטש דאַוונט מיט צען אידן דעמאָלט איז דאָ אַן השראת השכינה און ער קען באַקומען די געוואַלדיגע שפע.

## ס'איז נישט גענוג צו זאָגן; מדארף עס שפּירן

דער ספה"ק **אור המאיר** פרשת בשלח, ברענגט דעם ירושלמי: **כל האומר פרשת המן בכל יום מובטח לו שלא יחסרו מזונותיו**, און דער אור המאיר פרעגט אַז לכאורה זעהט מען ווי ס'איז דאָ מענטשן וועלכע זאָגן פרשת המן יעדן טאָג און ס'פעלט זיי יאָ פרנסה.

זאָגט דער אור המאיר אַז ס'איז מוכרח אַז **מ'מיינט נישט אַז דער מענטש זאל סתם אַזוי זאָגן.** נאר אַ איד דארף דערהערן די אמונה פון דעם פרשת המן, אַז בעצם איז אויך דאָ מן היינטיגע צייטן און אַלע אַנדערע זאַכן זענען נאר אַ לבוש. **טאָמער דו לערנסט פרשת המן און דו דערהערסט די אמונה און בטחון דערפון, וועט דיר אודאי גאָרנישט פעלן.** אָבער אויב מ'זאָגט נאר פרשת המן און מ'דערהערט נישט, דעמאָלט אַרבעט עס טאַקע נישט. דאָס איז די תשובה פאַרוואָס ס'אַרבעט נישט אַלעמאָל דאָס זאָגן פרשת המן, ווייל באמת אַרבעט עס יאָ, נאר דער מענטש האָט עס נישט ריכטיג געזאָגט!

## 'תפלה בציבור' מיט אַ געפיל פון ליבשאַפט

דאָס זעלבע קען מען זאָגן אויף דעם הייליגן לשון פונעם מאור ושמש. די זאַך פון תפלה בציבור וואָס ברענגט אַלע השפעות, מיינט נישט בלויז אַ טעכנישע זאַך פון צען מענטשן וואָס זענען גראדע אין דעם זעלבן צימער. אודאי הייבט זיך עס אן טעכניש, ס'דאַרף זיין צען אידן ביים דאַוונען. אָבער **נאָכדעם איז דאָ אַזויפיל דרגות וויאַזוי דאָס דאַוונען קען געטון ווערן מער 'בציבור'**, וויאַזוי דער מענטש שפּירט באמת אַז מ'דאַוונט דאָ צוזאַמען, מ'זאָגט אינאיינעם שירות ותשבחות פאַר'ן רבוש"ע; ביי אַלע חלקים פון דעם דאַוונען האָט ער אינזין אַז ס'זאָל זיין פאַר אַלעמען; **מ'דאַוונט און דאָס האַרץ איז צוזאַמען.** דאָס איז אַסאַך אַ גרעסערע דרגא אין דעם ענין פון תפלה בציבור.

דער ספה"ק **בית אהרן** ברענגט אַראָפּ דאָס לשון פון **שו"ת רדב"ז**, אַז מ'זאָל דאַוונען דוקא מיט מענטשן וואָס מ'האָט זיי ליב, מ'זאָל דאַוונען מיט חברים וואָס איז לבו חפץ בהם, ווייל אַזוי איז מען ממשיך אַ געוואַלדיגע השראת השכינה. **וויפיל מער די צען אידן קענען זיך נאָנט, כאיש אחד בלב אחד, אַזויפיל מער איז עס אַ גרעסערע דרגא פון ציבור!**

## דאַוונען בקביעות צוזאַמען מיט ידידים

דאָס איז איינס פון די מעלות פון דער זאַך אַז אַ מענטש האָט אַ מנין קבוע, חוץ אַלע אַנדערע ענינים להלכה, אָבער די עצם זאַך פון האָבן אַ קביעות'דיגע מנין ברענגט אַז דאָס דאַוונען זאָל זיין מיט אַ 'ואהבת לרעך כמוך'. **חסיד'ישע אידן האָבן טאַקע געהאַט אַ שטיבל צום דאַוונען,** ס'איז געווען אַזאַ סאָרט קרבה וואָס מ'האָט געהאַט מיט די ידידים וואָס מ'דאַוונט יעדן טאָג מיט זיי. מ'קען זיך מיט זיי, מ'האָט זיך אינזין איינער דעם צווייטן.

חסידי'שע אידן האָבן דוקא נישט געוואָלט אַז דאָס דאַוונען זאָל זיין אויף אַ צורה ווי ס'פּאָרט מנינים יעדע מינוט. אַמאָל כאַפּט ער דעם מנין פינף נאָך אַכט. אויב פאַרשפּעטיגט ער, כאַפּט ער דעם מנין פון צען נאָך אַכט, און אַז נישט נעמט ער דעם מנין פון צוועלף נאָך אַכט...

די גאַנצע זאַך פון דאַוונען אינאיינעם אין אַ שטיבל און **טרונקן לחיים נאָכ'ן דאַוונען איז אַ הידור אין דעם 'תפלה בציבור'.** ס'איז אַ הידור להלכה אַז מ'דאַוונט צוזאַמען מיט אן אהבת חברים. און אַזוי איז טאַקע געווען דער שטייגער ביי ערליכע אידן.

## די אהבה צווישן מתפללים איז א מדריגה פון 'בציבור'

היינט איז ב"ה פאַרהאַן אַ ריבוי עם, און ס'איז דאָ מער מעגליכקייטן פאר אַסאַך מנינים. מענטשן זענען מער טרוד, און דאָס איז גורם אַז אַסאַך מאָל דאַוונט מען וויאַזוי ס'מאַכט זיך. **אָבער די ריכטיגע 'תפלה בציבור' איז טאַקע ווען מ'קען זיך מיט די מענטשן מיט וועמען מ'דאַוונט.** און נאָכ'ן דאַוונען איז דאָ אַ חסידי'שע מצב, ס'איז דאָ אַ שטאַרקע אהבה, **דאָס גייט צוזאַמען מיט'ן דאַוונען!**

די זאַך פון 'תפלה בציבור' קען נישט אַרבעטן נאר טעכניש. **ווען ס'איז דאָ אהבה צווישן די חברים ברענגט דאָס השראת השכינה.** ס'איז אַסאַך אַ גרעסערע מדריגה אין 'בציבור' און דאָס האָט ביכולת צו ברענגען אַן אַנדערע סאָרט שפע.

מ'קען טאַקע אַלעמאָל שטייגן אין דער סוגיא פון 'תפלה בציבור'. **ס'איז נישט אַ 'יאָ אָדער ניין' שאלה.** ס'איז נישט פשט אַז מען דאַוונט יאָ בציבור אָדער נישט, נאר מ'קען אַלעמאָל שטייגן אין דעם ענין.

## קומען אַביסל פריער כדי צו שפּירן דעם 'בציבור'

אַ מענטש קען למשל אָנהויבן קומען צום מנין כאָטש פינף מינוט פאַר'ן דאַוונען. נישט לגבי די חלק פון לערנען פאַר'ן דאַוונען, **נאר פאר דעם חלק פון דעם ישוב הדעת און אהבת חברים.** אַמאָל קען אַ איד פאַרפּאַטשקען זיין גאַנץ לעבן און נישט וויסן וואָס ער האָט פאַרפאַסט. ביי די זיבעציג יאָר קען ער נישט שלאָפן ביינאַכט און דעמאָלט הייבט ער אָן קומען פרי' צו זיין מנין און דעמאָלט כאַפּט ער וואָס ער האָט פאַרפעלט.

ער פלעגט טאַקע נישט קומען ממש שפּעט צום דאַוונען, אָבער ער האָט געהאַט אַן 'אומנות' אַז ער האָט זיך געקענט אָנטון טלית און תפלין אין צוואָנציג סעקונדעס... ער האָט אפילו געזאָגט קטורת און גאָרנישט פאַרפעלט, **אָבער ס'איז דאָ אַ סאָרט ישוב הדעת וואָס קומט ווען מ'איז שוין גרייט צום דאַוונען מסודר** אַלס אַ חלק פון דעם גאַנצן ציבור.

ס'איז דאָ אַ ספּעציעלע הידור אין 'בציבור' ווען מ'גריסט די אַרומיגע חברים פאַר'ן דאַוונען. דאָס איז אַ גריס וואָס העלפט צום דאַוונען, פּונקט ווי אַ קאַווע, וואָס גלאַט הלכה'דיג איז עס נישט אויסגעהאַלטן צו טרונקן קאַווע מיט מילך, אָבער היות ס'העלפט צום דאַוונען האָט מען ביי חסידים יאָ געטרונקן, ווייל ער טרונקט נישט יעצט קיין קאַווע, ער גרייט זיך צום דאַוונען. דאָס זעלבע איז מיט אַ שמייכל און גריס פאר אַ חבר. **דאָס העלפט צום דאַוונען.** דער מענטש שמועסט נישט, ער פאַרברענגט נישט, ער גרייט זיך יעצט צום דאַוונען! נאָך איינער איז געקומען, אָה, מ'גייט דאַוונען יעצט צוזאַמען.

## דאַוונען מיט'ן האַרץ פון דעם מנין

דאָס איז אַ זאַך וואָס דער נפש דארף זיך אויסלערנען, **צו דאַוונען מיט'ן האַרץ פון דעם מנין, נישט בלויז טעכניש מיט אַ מנין.** אַזאַ תפלה בציבור ברענגט השראת השכינה. עס ברענגט שמחה, און ס'איז גורם אַז מ'זאָל בעסער האָבן כוונה ביים דאַוונען. **אין עומדין להתפלל אלא מתוך שמחה של מצוה!**

שטעלט זיך פאר אַז צוויי חברים לערנען צוזאַמען טעכניש, אָבער איינער זיצט און לערנט ביי זיין ווינקל און דער צווייטער זיצט און לערנט ביי זיין ווינקל... **דאָס איז נישט געלערנט צוזאַמען!** ווען מ'רעדט וועגן 'לערנען צוזאַמען' מיינט דאָס אַז מ'שטייגט צוזאַמען, איינער קומט מיט אַ שאלה, און דער צווייטער זאָגט אַ דערהער, מ'איז זיך מחדד צוזאַמען.

דאַוונען בציבור איז נישט אַנדערש! אודאי בשעת מען זאָגט די ווערטער פון דער תפלה איז דאָס 'בינו לבין קונו', אָבער דער מענטש שפּירט אַז ער דאַוונט צוזאַמען מיט אַלעמען! מ'דאַרף זיך צוגעוואוינען צו אַזאַ סאָרט תפלה בציבור.

דאָס איז טאַקע אַ שטיקל קנייטש וואָס ביי חסידים איז געווען אַנדערש די עבודה פון תפלה. ס'איז זייער אַן הייקעלע נקודה, ווייל ס'איז דאָ אַמאָל אַ מענטש וואָס איז אַזוי פאַרנומען מיט'ן רבוש"ע, און ער מיינט עס טאַקע מיט אַן אמת. ער דאַוונט בכוונה אין זיין סידור, אָבער **בעצם זענען אַלע אַנדערע ניין מענטשן אַ שטער פאר זיין דאַוונען...** ער שפּירט נישט אַז ער דאַוונט צוזאַמען מיט זיי, ער קען ווערן ברוגז אויב איינער דאַוונט צו שנעל וכדומה. ער איז נישט צוזאַמען מיט זיי! ער האָט נאָר אַ פּראָבלעם אַז ער דאַרף האָבן אַ מנין, אָבער ס'וואָלט אים געווען אַסאַך גרינגער צו דאַוונען אין זיין ווינקל, קיינער זאָל מיך נישט שטערן און איך וועל דיך נישט שטערן.... **די נפש דארף אָבער קענען דאַוונען אויף אַן אופן פון 'דאַוונען צוזאַמען'**, אויף אַן אופן פון 'במקום רנה שם תהא תפלה', און דעמאָלט וועט דאָס טאַקע ברענגען אַלע גוטע זאַכן פאַר אידישע קינדער.


## פטרון השבוע

נתנדב לרפואת
**נתן פנחס בן גאלדא**
בתוך שאר חולי ישראל
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל יעמוד להם
להתברך בבני חיי מזוני רויחי מתוך בריות גופא ונהורא מעליא

יעמדו על הברכה שלקחו חלק בהפצת הגליון

ישלם ה' פעלם ויזכו לכל הברכות האמורות בתורה

צו נעמען א זכות און די הפצת הגליון אדער פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט:
718.387.1122
info@machonhavineini.com

קול הבינוני
ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0204.586.2115
בלגיה 03.300.0223

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58
Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד סאטמאר Monsey 13
ביהמ"ד דעלעטין
ביהמ"ד ראדאשיץ–Airmont
ביהמ"ד דאמבראווא
ביהמ"ד וויאל משה סאטמאר
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל–פארשעי
ביהמ"ד הגדול וויזניץ 25 Phyllis Terrace

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח משה
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוד